# דער טראָמפּייט האָט זיך פֿאַרשעמט

## א

די דאָזיקע מעשה, וואָס איך גיי דאָ דערציילן, האָב איך געהערט פֿון אַן אורח צום סדר, פֿון אַ אידישן רעזערוו־סאָלדאַט, אַרום פֿערציק יאָר אַלט, וואָס איז דאָס יאָר גערופֿן געוואָרן אין מיליטער, און אין דער ערש־טער נאַכט פֿון פּסח האָבן מיר זיך געטראָפֿן ביי איין טיש. איך גיב דאָ איבער זיינע רייד אָן קיין שום באַפּוצונגען:

— דאָס איז דאָס צווייטע מאָל אין מיין לעבן — האָט דער סאָלדאַט אָנגעהויבן — וואָס מיר קומט אויס צו זיין צו אַ סדר ביי אַ פֿרעמדן טיש. דאָס ערשטע מאָל האָט דאָס פּאַסירט, ווען כ׳בין אַלט געווען אַ יאָר ניין — אַן ערך פֿון צוויי און דרייסיק יאָר צוריק — אָבער דעמאָלט האָבן אָפּגע־ריכט סדר מיט מיר אין איינעם אין אַ פֿרעמד הויז אונדזער גאַנץ הויזגע־זינד: דער טאַטע, די מאַמע, מיינע ברידער און שוועסטער און אַפֿילו אונ־דזער משרת, סיטאָפּאַ. ווי אַזוי איז דאָס געשען, פֿרעגט איר? אָט, וועט איר הערן:

דער טאַטע האָט זיך אַריינגעצויגן אין דאָרף, מיט איין טאָג, בסך־הכּל מיט איין טאָג שפּעטער, נאָכדעם, ווי ס׳איז אַרויס דער פֿאַרבאָט, אַז אידן טאָרן ניט וואוינען אויפֿן דאָרף. וואָלט ער געקומען מיט איין טאָג פֿריער, וואָלט ניט פּאַסירט דאָס, וואָס ס׳האָט שפּעטער פּאַסירט. ער האָט אָבער פֿאַרשפּעטיקט מיט איין טאָג און זיין גזר־דין איז געווען פֿאַרטיק. ניט וויל ער האָט מיט אַ כּיוון, אָדער אַ צו־להכעיס דאָס געוואָלט, נאָר ער איז דער־צו געווען געצוואונגען צוליב זיין שטעלע, וואָס ער האָט געקראָגן אין די אַרומיקע נאָענטע וועלדער. צוליב פּרנסה שטעלט מען זיך ניט אָפּ פֿאַר אַן עבירה און פֿאַר די יסורים וואָס זיינען מיט דעם פֿאַרבונדן. די טשינאָוו־ניקעס פֿון יענעם אויעזד האָבן לכתּחילה אויסגעזען ווי גרויסע מחמירים, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי פֿון עסק געהאַט גרויס הנאה. נאָך אַלעמען איז פֿאַר זיי בעסער איין איד וואָס לעבט באיסור, איידער צען וואָס לעבן בהיתּר; דער — איז אַ בוים וואָס טראָגט פּירות, און די — זיינען נישט מער, ווי פּוסטע ביימער. און באמת: ס׳האָט לאַנג ניט גענומען און צווישן

די צוויי צדדים, ס׳הייסט, צווישן דעם טאַטן דעם בעל־עבירה און די טשי־נאָוניקעס, וואָס האָבן אָפּגעהיט ס׳געזעץ, האָבן זיך איינגעשטעלט „נאַר־מאַלע באַציאונגען״: ער און זיין הויזגעזינד האָבן געלעבט אויפֿן דאָרף, און זיי האָבן באַקומען, יעדער איינער לויט זיין „כּבֿוד״ נאָך, זייער מאַנאַטלעכן געהאַלט, אַחוץ צופֿעליקע מתּנות, ווי, למשל, יום־טובֿ־געלט און קליינע הלוואות אויף ניט אָפּצוגעבן, און אַחוץ כּל־המינים געבעקעכץ און נעמעניש, ווען ס׳איז געקומען צו די חגאות און געבורטס־טעג פֿון סטאַנאָוואָי און זיין ווייב און אַלע קינדער זייערע. די דאָזיקע מענטשן, ווי איך איז באַקאַנט, זאָגן זיך ניט אָפּ חלילה פֿון קיין שום מתּנה: אַ פּאָר פֿעטע אינדיקעס, אַ פֿעסל וויין, אַ פֿלאַש בראַנפֿן, אַ שאָק אייער, אַ היטל צוקער אין זיין בלויען שיידל, אַ פֿונטעלע טיי, אַ פּעקל טאַבאַק, אַ זעקל ווייכע קעז, „המן־טאַשן״ — בקיצור, זיי נעמען אַלץ! און וואָס פֿאַר אַ איידעלע מענטשן זיי זיינען! דער סטאַנאָוואָי, למשל, האָט נאָך קיינמאָל ניט געמאָנט, ער האָט בלויז געבעטן. „יאָסי — פֿלעגט ער זאָגן צום טאַטן אַוועקלייגנדיק אַ שווערע האַנט אויפֿן טאַטנס פּלייצע — הייס נאַר, איך בעט דיך, מיר אַריינשיקן האָלץ פֿאַרן אויוון, דער ווינטער קומט דאָך שוין אָן״; אָדער, „פֿאַרגעס ניט, ליבינקער, מיר אַריינצושיקן אַ טוץ שינדלען, דער דאָך מיינער בעט זיך, מ׳זאָל אים פֿאַרריכטן״.

דער קאַסאָקע אוריאַדניק האָט געהאַט אַן אַנדער דרך: אויף וואָס נאָר ער האָט געוואָרפֿן זיין קרום אויגל, פֿלעגט ער לויבן. „איטע״ — זאָגט ער צו דער מאַמען, קוקנדיק אויף אַ הון, וואָס האָט זיך געריעט אויפֿן הויף אין מיסט — „וואו האָסטו געפֿונען אַזאַ פֿיינע הון?״ און איר מעגט זיין זיכער, אַז נאָך אָט דער לויב, איז די דאָזיקע פֿיינע הון שוין געלעגן מיט געבונדענע פֿיסלעך אינם היי פֿון אוריאַדניקס בלויען וועגל. דער דאָזיקער אוריאַדניק פֿלעגט אויסמאַרקירן צו קומען צו אונדז אין הויז שבתים און יום־טובֿים דווקא, און דווקא ווען מען האַלט אין עסן. ווי נאָר דאָס הויז־געזינד פֿלעגט זיך זעצן צום טיש — פֿלעגט פּלוצים אויסוואַקסן פֿאַרן פֿענ־סטער דעם אוריאַדניקס געל פֿערדל און בלוי וועגל, מיטן אוריאַדניק אין וועגל. וואָס קען מען מאַכן? מ׳נעמט אויף דעם אורח מיט אַ פֿריילעך פּנים און מ׳פֿאַרבעט אים צו דער סעודה. די זמירות ווערן אָפּגעלייגט; דער ספֿר, אין וועלכן דער טאַטע קוקט אַריין צווישן איין געריכט און דעם צווייטן, ווערט פֿאַרמאַכט און אָפּגערוקט אָן אַ זייט. דאָס געפּלאַפּל פֿון שיכּור איז מטמא דעם טיש, גאַנץ אָפֿט מיט מיאוסע רייד, וואָס דו ביסט מחויבֿ זיי אָנצונעמען ווי חכמות און שיינע וויצן, בעת דיין לייב ווערט

אין גאַנצן אויפֿגעקאַרטשעט פֿאַר חרפּה און ס׳גלוסט זיך אים אַנצונעמען ביים קאַרק און אים אַרויסוואַרפֿן אין דרויסן.

און דער אמת איז, אַז מיט דער צייט האָט ס׳הויזגעזינד זיך צוגעוואוינט צו אים און אים געקענט פֿאַרטראָגן; גאַנץ אָפֿט, ווען ער האָט אַריינגעקערט אין האַלז אַריין אַ גאַנצע פֿלאַש בראַנפֿן און איז געווען אין גאַנצן מבוסם — פֿלעגט ער זיך מצרף זיין מיט אונז אין ניגון פֿון זמירות, פֿאַרשטייט זיך, אויף זיין אייגענעם שטייגער, פֿלעגט נאָכקרימען און רעדן ניבול־ פּה, ווינקענדיק מיט פֿאַרגאָסענע אויגן, פּעטע און לאַכנדיקע, צו דער באַלעבאָסטע און שטופּנדיק די הענט אין פֿאַראַשקע דעם דינסטמיידל, אַ פּעטע געשטופּלטע שיקסע. בלויז דער מלמד אונזערער האָט בשום אופֿן זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו אים, ווי ער האָט זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צום הונט, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו דער קייט ביי אונדז אויפֿן הויף. ביידע זיינען ביי אים געווען תּמיד ניי און געוואָרפֿן אויף אים אַ גרויסע אימה, הגם דער טאַטע האָט געצאָלט אַ באַזונדערן אָפּצאָל קאָפּגעלט פֿאַרן צוגעקומענעם מלמד.

אַזוי זיינען אונדז פֿינף יאָר אַריבער אין דאָרף. דורך דער דאָזיקער צייט האָט דער טאַטע זיך אויפֿגעבויט אַ קליין הויז, און צום חנוכּת־הבית האָט ער פֿאַרבעטן אַלע פּויערים פֿון דאָרף און פֿאַר זיי געגרייט אַ באַזונדערן טיש. הינטערן הויז, באַרג־אַרונטער, האָט זיך אויסגעלייגט אַ גרויסער גאָרטן, וואָס די מאַמע פֿלעגט פֿאַרזייען. אין שטאַל זיינען געשטאַנען דריי מעלקנדיקע קי און צוויי פּערד. אויפֿן הויף האָבן זיך געגראָבן הינער און גענז מיט זייערע פּיסקליאַטעס און האָבן געגראַגערט. אין שטייאיקן וואַסער פֿאַרן הויף האָבן קאַטשקעס זיך געפּליושקעט און אין דער דערבייאיקער לאָנקע האָבן זיך געפּאַשעט אַ קאַלב און אַ לאָשעק. אַלץ לויטן שטייגער פֿון דאָרפֿישע מענטשן. די פּרנסה איז געווען בצמצום, דאָס לעבן איז געווען אָרעם, אָבער ס׳איז געווען אין דעם אַביסל שלווה און אַ טראָפּן נחת.

די גאַנצע וואָך פֿלעגט דער טאַטע זיך אָפּשטעלן אין וואַלד, נאָר ערב שבת און יום־טוב פֿלעגט ער קומען אין זיין וועגל אַהיים, פֿאַרברענגען אַ טאָג אָדער צוויי מיט ווייב און קינדער. די קינדער פֿלעגן אומגעדולדיק אָפּהיטן זיין קומען מיטן וואַלדיקן וועג, מיט הערצלעך וואָס ציטערן פֿאַר פֿרייד. ווי נאָר ס׳פֿלעגט זיך לאָזן הערן פֿון ווייטן, פֿון ברעג וואַלד, וואָס לאָזט זיך אויס ביים דאָרף, דאָס קלינגען פֿון געשפּאַן־גלעקלעך, שפּרינגען זיי באַלד אויף ווי די פֿויגלען און לויפֿן אַנטקעגן וועגל מיט קולות און גע־

שרײַען: „טאַטע, טאַטע!‟ אַ מינוט שפּעטער קריכן זײ אַרויף און פֿאַלן אַרײַן אין וואָגן און פֿלעכטן זיך אײַן אין טאַטן. דער פֿאַרקלײַבט זיך בײַ אים אויף דער קני, דער הענגט זיך אים אויפֿן האַלז, און דער איז אים בודק די קעשענעס, זען, וואָס פֿאַר אַ מתּנה דער טאַטע ברענגט צופֿירן. אַפֿילו אונדזער משרת, דער אַנטרײַבער, דאָס איז טאַקע דער וואַלד־וועכטער סטיאַפּאַ, אַ געוויקסיקער ברײטפּלײציקער שײגעץ, נעמט אויך אַ חלק אין דער שמחה, אַנטפּלעקט די ווײַסע שטאַרקע צײן אין אַ צופֿרידן שמײכל, און כּדי די קינדער זאָלן האָבן הנאה שמוצערט ער מיטן בײַטש מיט אַלע כּוחות און די פֿערדלעך טראָגן זיך צום הויז „מיט שטורעם‟.

כ׳האָב אײַך ניט דערצײלט, אַז אין דעם אײגענעם דאָרף האָט געוואוינט שוין פֿון כּמה יאָרן, און בהיתּר, נאָך אײנער אַ ייִד מיטן נאָמען זעליג. זײַן הויז איז געשטאַנען אויף אַ בערגל בײַם עק דאָרף און אונזערס — אין טאָל, און די דאָזיקע צוויי ייִדישע הײַזער, מיט זײער אָפּגעזונדערטקייט פֿון די אַנדערע דאָרפֿישע הײַזער, מיט זײער הויכקייט, מיט זײערע אַנדערשדיקע דעכער און פֿענסטער, האָבן אויסגעזען ווי אַ קלײנע פֿאַרזיכדיקע שכונה. גאָר אין גיכן האָט זיך אויסגעטראָטן אויפֿן בערגל, פֿון אויבן אַרונטער, אַ קלײנע סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן די גראָזן, ווי אַ ווײַסער שרונט אויף אַ קאָפּ האָר, און בײדע הויפֿן האָבן דורך איר זיך פֿאַרבונדן אין אַ פֿעסטן בונט. אײן מלמד פֿאַר בײדנס קינדער און אײן פֿירונג פֿאַר בײדנס באַוואוינער. יעדע פֿון די צוויי באַלעבאָסטעס האָט געוואוסט, וואָס ס׳פֿאַרקאָלאָטשעט זיך בײַ דער צווייטער אין טעפּל און געשיקט אײנע דער צווייטער פֿון געקאָכטס און געבאַקנס, געליִען אײנע בײַ דער אַנדערער אַ טעפּל, אַ זיפּ און אַ לאָפּעטע. אין די ווינטערדיקע נעכט און די לאַנגע זומערדיקע טעג פֿלעגן זײ קומען אײנע צו די אַנדערע סתּם אַזוי כאַפּן אַ לאַנגן שמועס, איבערצוקלײַבן אַרבעס, פּרעגלען געפּרעגלעכץ, אָדער, פֿליקן פֿעדערן און שטריקן אַ זאָק בקאָמפּאַניע.

ס׳איז פֿאַרבײַ אַ שטיקל צײַט אין דער דאָזיקער שכינות — און דער בונט צווישן די צוויי הײַזער איז נאָך שטאַרקער פֿאַרקניפּט געוואָרן. די שכנים זײַנען מיט מזל געוואָרן מחותּנים. דער טאַטע איז קײן עין־הרע ניט געווען אַ מטופּל מיט קינדער: זין און טעכטער; דעם עלטערן זון שמואל איז שוין געוואָרן צוואַנציק יאָר און וואָס שײך סלוזשבע איז ער געווען אַ „לגאָטניק‟; און זעליג, פֿונם צווייטן צד, איז געווען אַ מטופּל מיט טעכטער און זין, און זײַן עלטערע טאָכטער זעלדע איז שוין געווען אַ בתולה אַ בוגרת. האָט מען געשריבן תּנאים און אָפּגעשטעלט אַ טאָג אויף

צו פּראַווען די חתונה. אָבער די „לגאָטע" איז דעם חתן ניט בייגעשטאַנען און מ'האָט אים אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן, און צום צער און טרויער פֿוןביידע משפּחות איז די חתונה אָפּגעלייגט געוואָרן פֿאַר אַ צייט, ס'הייסט, ביז נאָך דעם ווי דער חתן וועט זיך אויסדינען.

פֿון איין זאַך האָט דער טאַטע געהאַט גרויס עגמת־נפֿש: אויף דעם, וואָס אין דאָרף איז ניט געווען קיין באַשטענדיקער מנין און שבת און יום־טוב אָן תּפֿילה־בציבור, פֿלעגט דער טאַטע זאָגן, האָט קיין אידישן טעם ניט. אַלע נפֿשות מאַנספּאַרשוינען פֿון ביידע הייזער זיינען געווען זיבן. פֿיר פֿון אונדזער הויז: דער טאַטע, מיינע צוויי עלטערע ברידער און דער מלמד, און דריי פֿון זעליגס הויז. און זינט מיין ברודער איז אַוועק דינען זיינען געבליבן זעקס. דעריבער איז ביים טאַטן געווען אַ גרויסע שמחה, ווען גאָט האָט אים צוגעשיקט אורחים אויף שבת: פֿון די געהילץ־סוחרים, וואָס קומען אין וואַלד אַריין, צי פֿון די וואַלד־אָנגעשטעלטע, אָדער פֿון די אידן וואָס גייען איבער די דערפֿער, אַ קאַראַבעלניק, אַ גלעזער, און דאָס גלייכן. אַז אַזוינס האָט זיך געמאַכט — פֿלעגט דער טאַטע שיקן אָנזאָגן פּסח־איצי דעם מילכיקן, אַ פּשוטער איד אַ בעזדיעטניק, וואָס האָט געוואוינט אַליין מיט זיין ווייב דער עקרה און זיינע מעלקעוודיקע קי אין אָן אָפּגעלייגטן פֿולוואַרעק, אַ תּחום־שבת פֿון דאָרף. ער פֿלעגט זיך אויפֿהויבן באַגינען און קומען צו אונדז שבת־פֿרי אין הויז אַריין, געגאַנגען דורך גערטנער און לאָנקעס מיטן ווייסן טלית אונטער דער קאַפּאָטע, צו זיין אַ צענטער צום מנין. ניט ווייל ער איז געווען אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט פֿון טראָגן אום שבת — די מערסטע ישובניקעס זיינען ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד, ווען עס קומט צו מצוות מעשיות — אלא ווי באַלד מען איז שוין יאָ מקיים די מצווה פֿון תּפֿילה־בציבור, דאַרף מען זי טאָן ווי געהעריק. בשעת־הדחק האָט מען צוגערעכנט צום מנין אַ קליין קינד מיט אַ חומש אין הענטל. אַז די מנינים זיינען געוואָרן אָפֿטער, האָט דער טאַטע אַראָפּגעבראַכט פֿון שטעטל אַ ספֿר־תּורה, וואָס איז געשטאַנען באַהאַלטן אונטער אַ פּרוכת אין אַ קליין ארון־קודש. די ספֿר־תּורה איז איינגעשטאַנען אין חדר, וואו מיר האָבן געלערנט און געוואָרפֿן אויף אונדז, קליינוואַרג, אַ מיסטעריעזע הייליקע מורא. דאָס לייענען פֿון אונדזער מלמד מיטן ניגון און טראָפּ אין דער קליינער דאָרפֿישער עדה, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרוויקלט אין טליתים און באַוואָפֿנט מיט ברילן און חומשים פֿלעגט וואַרפֿן אויף דעם שבתדיקן פֿרימאָרגן אין הויז אַ ליבע הייליקייט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַפֿילו די קופּערנע כּלים, וואָס פֿינקלען געשייערטע אַרונטער פֿון גראַטקע שמייכ־

לען צו אונדז מיט אַ שבתדיקן ליבן שמייכל, אין צווייטן חדר הינטער דער וואַנט פֿלעגט די מאַמע דעמאָלט שטיין אין איר ציכטיקן שבתדיק קלייד און זיידענער פֿאַטשיילע, מיטן גראָבן סידור אין די הענט און אירע ליפּן שעפּטשען. די אויגן אירע זיינען פֿול מיט פֿריידיקע טרערן, וואָס זאָגן אומגעפֿער אַזוי: „אמת טאַקע, מיר לעבן פֿאַרוואָרפֿן אין אַ העק, מיר וואוינען צווישן גוים, אָבער דער ליבהאַרציקער דערבאַרעמדיקער פֿאָטער אין הימל וועט זיין פֿאָלק ניט פֿאַרלאָזן, ער האָט אונדז מיט זיינע גרויס רחמים געגעבן דעם שבת און האָט געמאַכט רוען אין מיין הויז זיין ריינע הייליקע תורה". לכּבוד אַזאַ שבת, ווען ס'איז געווען אַ מנין אין הויז פֿאַר קריאת־התורה פֿלעגט זי פֿרייטיק מאַכן נאָך אַ קוגל און נאָכן דאַוונען מכבד געווען דעם עולם מיט לעקעך און בראָנפֿן און געשטעלט פֿאַר זיי שבתדיקע מאכלים. די אידן פֿלעגן טרינקען מיט קליינע זופּן, ווי זייער שטייגער איז, און צוואווינטשעווען דעם טאַטן און דער מאַמען: „לחיים, יאָסי, גאָט זאָל געבן ישועות ונחמות אויף אידן און לחיים, איטע, גאָט זאָל געבן, דיין זון זאָל קומען צוריק אַהיים אין גיכן!" און די מאַמע פֿלעגט זיך אָפּזיפֿצן און ענטפֿערן: „אמן. ווי דערלעבט מען עס שוין, רבונו של עולם?"

און אַמאָל פֿלעגט זיך מאַכן אַ שטיקל שמחה אין הויז, אַ קליינע יום־טובדיקע סעודה. אין אַ ווינטערדיקן שבת־צו־נאַכט, ווען מ'האָט געשאָכטן אַ קאַלב, צי גענז, און געפּרעגלט שמאַלץ, פֿלעגט אַראָפּקומען דער שוחט פֿון נאָענטן שטעטל, אַ איד אַ פּיקח, ציכטיק אָנגעטאָן, מיטן ברייטן גאַרטל און מיטן פּערלדיקן מויל. אַריינגעקומען אין הויז אַריין מיטן פֿוטערנעם בגד און מיטן קעסטל חלפֿים און פֿאַרשמעקט דאָס הויז מיטן ריח פֿון שטעטלשער אידישקייט און גייסטיקער געהויבנקייט. לכּבוד אַזאַ מין געשעניש פֿלעגן באַלד נאָך הבדלה זיך צונויפֿקומען די מענטשן פֿון מנין: דער מחותן ר' זעליג מיט ווייב און קינדער, פּסח־איצי דער מילכיקער און זיין ווייב די עקרה, און אַ צוויי־דריי פֿון די וואַלד־אָנגעשטעלטע, וועמען דער טאַטע האָט פֿאַרבעטן נאָך פֿון ערב־שבת. מ'זיצט אַרום דעם זידנדיקן סאַמאָוואַר ביים טיש, מ'טרינקט טיי און מ'שוויצט. דער טאַטע און זעליג שפּילן אין „וואָלף און ציגעלע" און דער מלמד שטייט איבער זיי און שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געלערנט גמרא, און גיטביידע צדדים אויף אַמאָל עצות. די וואַלד־אָנגעשטעלטע — צומייסטנס פֿריילעכע לונג־און־לעבערס — מאַכן די ווייבער צו לאַכן. פּסח־איצי דער מילכיקער לאָזט ניט אַרויס דעם ליולקע־ציביק פֿון מויל און פֿילט אָן דאָס הויז מיט רויך און עיפּוש, און מיין עלטערער ברודער, אַ יודע־נגן, שפּילט אויפֿן פֿידל אַ שטיקל „חסידיש", אָדער „וואָלעכיש".

נאָר אָט האָט מען אַריינגעבראַכט דעם שוחט אין הויז אַריין — „ברוך־הבא! גוטוואָך!" — און אַלע מאַכן פּלאַץ פֿאַר אים אויבנאָן. נאָך דעם, ווי ער טרינקט אויס אַ צוויי־דריי גלאָז טיי און דערוואָרעמט זיך, גייט ער אַרויס מיט פֿאַרשאַרצטע פּאָלעס און מיטן בלישצנדיקן חלף — מראה־גזלן — צו דער שטאַל, אַפּצוטאָן זייער רעכט דעם קעלבל און די געבונדענע גענז. די הויפּישע הינט דערהערן די געוואָלטן פֿון די גענז און דאָס מוקען פֿון קאַלב, נעמען זיי זיך קלייבן אַרום שטאַל און וואַרטן מיט געבייזער און אומגעדולד אויף זייער חלק אַפּפֿאַל, וואָס ווערט אַוועקגעוואָרפֿן אויפֿן מיסט. נאָך שחיטה און בדיקה קומט דער שוחט צוריק אין הויז אַריין, פֿאַרנעמט זיין פּלאַץ אויבנאָן, און ווי פֿריער, באַקומט ער צוריק זיין אידיש־שוחטישן פּנים מיטן ברייטן גאַרטל און פֿיינעם חיתוך־הדיבור. די „וועלף און ציגע־לעך" ווערן פֿאַרוואָרפֿן אָן אַ זייט און אַלע לאָזן ניט אַראָפּ פֿון אים דאָס אויג. ר' גדי — אַזוי איז דעם שוחטס נאָמען — זיצט אין זיין ריינער סאַ־מעטענער יאַרמעלקע, פֿאַרקאַטשעט איבער דעם ברייטן ווייסן גלאַנציקן שטערן און דערציילט זיינע מעשהס. אַ מעשה פֿון אליהו הנביא, זכור לטוב; אַ מעשה פֿון רבי ישראל בעל־שם־טוב, זכרונו לברכה; און ווידער אַ מעשה פֿון שפּאָלער זיידן, זיין זכות זאָל אויף אונדז מגין זיין; און נאָך אַ מעשה פֿון אַ למד־וואָווניק... אַלע אַרום שוויגן און שטרענגען זיך אָן ניט צו פֿאַרלירן קיין וואָרט. דער „רבי" זיצט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, מיטן שיטערן בערדל אין האַנט, שאָקלט זיך, ווי ער וואָלט געלערנט גמרא, און הערט זיך צו מיט גרויס כוונה, זיך אָפּזיפֿנציק יראַ־שמימדיק אַלע פֿאַר מינוט. פּסח־איצי וויקלט זיך איין אין רויך פֿון זיין ליולקע, זיין היטל ווייט פֿאַרקאַטשעט איבערן שטערן. די וואַלד־אָנגעשטעלטע, אָט די דאָזיקע פֿרייע יונגען, זיינען פּלוצים געוואָרן ערנסט און איינע, אַ ווייבל אַ צנועה, איילט זיך צו פֿאַרשטעקן אַ ווידערשפּעניקן לאָק האָר אונטערן טיכל. דער סאַמאָוואַר אַפּילו זינגט אַביסעלע געלאַסענער און זשומעט שטילערהייט. שאַ! דעם שוחטס שמועס, אַ זיסער שמועס, געלאַסן און באַטעמט, פֿליסט אַצינד בנחת מיט זיסע טראָפּנס און לייגט זיך אויפֿן האַרצן ווי אַ באַלזאַם, וואָס איז מחיה־נפֿשות. די וועלט, אויב אַזוי, איז נאָך ניט קיין הפֿקר־וועלט, דער שומר־ישראל, אויב אַזוי, דרעמלט ניט און שלאָפֿט ניט...

נאָכדעם די סעודה פֿון „מלווה־מלכּה", וואָס איר אָנהויב איז משקה — בראָנפֿן און נאַליוועקעס מיט גריוון, מיט פּופּקעס און געהאַקטע לעבער פֿון די געקוילעטע גענז; איר מיטן — ווידער משקה מיט אַ קאָכעדיקן פֿאַר־ביקן באָרשט, מיט געפֿילטע קנישעס; און צום פֿאַרבייסן — זמירות־

למוצאי־שבת, מיין ברודערס שפּילן אויפֿן פֿידל און התלהבותדיקע טענץ ביז אַ שפּראָץ אויף טאָג. פּסח־איצי דער מילכיקער, אַט דער איד דער שווייגער, וואָס האָט געשוויגן דורכן גאַנצן יאָר, פֿלעגט אין אַזאַ מין נאַכט פֿלוצלונג אַרויסשפּרינגען פֿון זיין גדר און קומען צו דער העכסטער מדרגה פֿון התלהבות. ער פֿלעגט טאַנצן און זינגען אין גרעסטן עקסטאַז, ביז כּלות הנפֿש, און טאַנצנדיק וואַרפֿט ער אַראָפּ פֿון זיך די קאַפּאָטע, זיין פּנים — אַ שטיק פֿייער, די אויגן — פֿאַרמאַכט, די הענט — אויסגעשפּרייט מיט רחמים און ברומט און שרייט אויפֿן קול: „ישראל עם קדושים, זאָל איך זיין אַ כּפּרה פֿאַר אייער מינדסטן נאָגל!" אָדער, מיט אַ געוויין: „אידן, בני רחמנים! לאָזט מיך גיין אויף קידוש־השם! האָט רחמנות, בינדט מיך און וואַרפֿט מיך אין פֿייער! אוי, אוי, ס'האַרץ ווערט פֿאַרברענט פֿון ליבשאַפֿט צו אידן!" — אַט אַזוי פֿלעגט ער טאַנצן און ברומען און וויינען ביז ער פֿלעגט אַוועקפֿאַלן אויף דער קאַנאַפּע, ווי אַ טויטער, און אויף מאָרגן פֿרי — באַגינען, ווי ער האָט זיך אויסגעניכטערט פֿאַרגנבעט ער זיך צוריק ביי זיך אין הויז אַריין, צוריק צו זיינע קי און מילכיקס און ליולקע און פֿלעגט ווידער אַנטשוויגן ווערן אויף אַ שטיק צייט.

די מערסטע יום־טובים פֿלעגן אַוועק אין שטילער צנועהדיקער פֿרייד, געמישט מיט אַ שטילן אומעט. דאָס זיין אָפּגעזונדערט איבערגעוואַלט פֿון דעם אידישן גוף, שפּירן די דאָרפֿסלייט זייער שטאַרק און דאָס האַרץ בענקט. די העלפֿט פֿון „לכם" ווערט אויסגעפֿילט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין: עסן, טרינקען, שלאָפֿן, גיין ליידיק — אָבער די צווייטע העלפֿט פֿון „לאדוני" — איז אַ פֿאַרשטערטע. ניטאָ קיין בית־מדרש, ניטאָ קיין אידישער ציבור, ס'איז גאָרנישט ניטאָ. אַמאָל טרעפֿט, ס'איז ניטאָ אפֿילו קיין מנין, ווייל דער מלמד פֿאָרט אַוועק אויף די יום־טובים צו זיך אַהיים, און אורחים זיינען אויך אַ זעלטנהייט, מחמת, וואו געפֿינט איר אַזאַ בלוטיקן אָרעמאַן, וואָס זאָל אויף יום־טוב ניט זיין ביי זיך אין דער היים? און אַז ס'קלייבט שוין יאָ צונויף אַ מנין מיט גרויס שווערקייט, וואָס פֿאַר אַ טעם האָט עס שוין צו גיין הקפֿות מיט אַן איינציקער ספֿר־תורה? אָדער, מקיים צו זיין די מצווה פֿון לולב מיט אַן איינציקן לולב? גיין גוט־יום־טוב ביטן איז אויך ניטאָ איבעריקס צו וועמען, און קיין גרויסער טעם איז דערין ניט פֿאַראַן. דער מחותן זעליג און פּסח־איצי קומען צו גאַסט צום טאַטן, פּסח־איצי און דער טאַטע — ביים מחותן זעליג, דער טאַטע מיט זעליגן — ביי פּסח־איצין און דערמיט לאָזט זיך דאָס אויס. מ'זיצט צוגאַסט אין שכנס הויז, מ'קנאַקט ניסלעך און דיניע־קערלעך, מ'דערציילט זיך פֿאַר־

עלטערטע נייעסן, מ׳פּויקט מיט די פֿינגער אויפֿן טיש און מ׳גענעצט ביז די קינבאַקן טוען ווי.

אַז דער עלטסטער ברודער איז אַוועק דינען איז אין מאַמעס שטילן טרויער־בעכער צוגעקומען נאָך אַ נייער טראָפּן, וואָס האָט זיך געלאָזט שפּירן דערהויפּט אום שבת און יום־טוב. דער עולם אין הויז איז קלע־נער געוואָרן, מײַן ברודערס פֿידל איז געהאָנגען אויף דער וואַנט שטום און פֿאַרלאָזן. דאָס ליידיקע פּלאַץ ביים טיש האָט אויסגעזען אין דער מאַמעס אויגן ווי אַן ארויסגעריסענער צאָן אין סאַמע שפּיגל פֿון מויל, צי ווי אַן אָפּגעהאַקטער פֿינגער. ביים אויסטיילן די שבתדיקע חלקים פֿלעגט זי אויפֿ־הויבן טרויערדיקע אויגן אויף יענעם ליידיקן פּלאַץ און פֿלעגט איינהאַלטן אַ זיפֿץ, כּדי ניט צו פֿאַרשטערן איר שבת, אָדער יום־טוב.

מיט די דאָרפֿישע פּויערים איז דער טאַטע אויסגעקומען מיט שלום און יושר. זינט ער האָט אָנגעהויבן האַקן דעם וואַלד איז צוגעקומען אין דאָרף אַ נייע פּרנסה. ווער עס אַרבעט אין וואַלד, ווער עס פֿירט האָלץ אויף צום הייצן און אויף בויען אין די אַרומיקע שטעטלעך, און ווער עס פֿירט קלע־צער צו דער נאָענטער אייזנבאַן־סטאַנציע. געהילץ אויף צום בויען האָבן די פּויערים געקראָגן ביליק אויף קליינע אויסצאָלונגען און פֿון די קרומע חורבות און ליימענע שטעלעכלעך זיינען צוביסלעך אויפֿגעקומען פֿיינע הויכע בנינים: אַ ניי הויז, אַ שפּייכלער, אַ שטאַל. צוויי־דריי שטרויענע דעכער זיינען פֿאַרביטן געוואָרן מיט שינדלדיקע, און די צעלעכערטע פּלויטן זיינען פֿאַרריכט געוואָרן. עס זיינען, אמת, פֿאָרגעקומען פֿאַלן, ווען דאָס האָלץ פֿאַרן בנין איז אַריינגעפֿאַלן צום פּויער ניט אויף אַ כּשרן אופֿן — אַ דאָרף וואָס שטייט נאָענט צו אַ וואַלד קען זיך אָן דעם ניט באַ־גיין — און דער טאַטע פֿלעגט, על־פּי־רוב ניט באַשטיין אויף דאָס זייניקע — און פֿלעגט זיך פֿאַרקוקן. נאָך אַלעמען, וואוינט ער צווישן זיי, און באיסור, און פֿאַר אַ אידן איז גוט צו לעבן בשלום. די פּויערים האָבן אים דערפֿאַר אָפּגעגעבן גרויס כּבוד, געבראַכט צו אים זייערע לאָדענישן און מחלוקות, קריוודעס און משפּטים. דער טאַטע האָט געוואוסט ווי צו ריידן צו זיי מיט זייער לשון און זייער שטייגער: איינעם איבערגעבעטן, דעם צווייטן אָנגעמוסרט, אויפֿן דריטן זיך אָנגעבייזערט און אַלע צדדים זיי־נען פֿון אים אַוועק צופֿרידן. מיט די שענערע באַלעבאַטים פֿלעגט זיך דער טאַטע איבערשיקן „שלח־מנותן" לכּבוד פּורים: ער פֿלעגט זיי שיקן „המן־טאַשן" און האָניק־לעקעך און זיי אים צוריק: אַ לעבעדיקע הון, אייער, אַ בייטל מאָן. איינער פֿון זיי, וואַסיל, אַ קלוגער פּויער, אַ בר־דעת, דעם

טאַטנס אַן אַלטער ידיד, האָט געשיקט זיין זונדל צו אונדזער מלמד אין חדר, ער זאָל אים לערנען שרייבן. אין אַ דאָרף פֿון פֿערציק משפּחות איז ניט געווען קיין איינציקע קינדער־שול, אַזוי ווי ס'איז ניט געווען קיין קלויסטער און קיין פּאָפּ, און פּעטקאַ — אַזוי האָט מען גערופֿן דעם קליינעם גוי, וואָס איז פֿאַראידישט געוואָרן — האָט געקענט אויף אויסנווייניק אַ סך פּסוקים פֿון דאַווענען, אַ האַלבן „קידוש" און די מערסטע מעשהלעך פֿון חומש, וואָס ער האָט געהערט פֿון זיינע אידישע חברים און סתם אויפֿגעכאַפּט מיטן אויער. ער פֿלעגט שרייבן רוסיש מיט אידישע אותיות, און דווקא פֿון רעכטס צו לינקס. אין דער נאַכט פֿון קאַלענדע פֿלעגן די דאָרפֿישע שקצים קומען זינגען אונטער די פֿענסטער, און אונדזער אַלטע ניאַנע, יעוודאָכע, פֿלעגט זיי אַרויסטראָגן ווייסע חלה, קנישעס געפֿילט מיט באָב און אַרבעס און קליינגעלט. פֿרילינג־צייט, פֿלעגט מיין עלטסטער ברודער שמואל אויפֿשטעלן אַ הוידלקע אין יונגן וועלדל, אַ הוידלקע אויף וועלכער אַלע קינדער פֿון דאָרף, סיי די אידישע, סיי גוישע, פֿלעגן זיך קומען הוידען. ווינטער־צייט האָט ער געמאַכט שליטלעך אין וועלכע די קינדער האָבן זיך געשליטלט פֿון זעליגס באַרג אַרונטער. אין די זומערדיקע אָוונטן פֿלעגט דאָס יונגוואַרג פֿון דאָרף, בחורים און מיידלעך, זיך אַרומקלייבן אַרום אונדזער הויז. מיין ברודער שמואל שטייט ביים פֿענסטער אין הויז און שפּילט אויפֿן פֿידל און זיי טאַנצן אין דרויסן. דרך־אגב וויל איך דערציילן, אַז די זקנה יעוודאָכע האָט ביי אונדז אויפֿגעכאָוועט דריי קינדער און געווען זיי און דעם גאַנצן הויז איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה. האָט געגעבן די קינדער עסן און טרינקען, זיי געלייגט שלאָפֿן און זיי אויפֿגעוועקט, און ווי אַ אידישקע אַכטונג געגעבן אויפֿן טלית־קטן, געזען זיי זאָלן ניט אומגיין אָן אַ היטל, זיי זאָלן זאָגן „מודה אני", לערנען תורה, און געווען שטאַרק אָפּגעהיט מיט מילכיקס און פֿליישיקס. ווען איינער פֿון זיי פֿלעגט ווערן קראַנק — פֿלעגט זי בשתיקה ברענגען אַ פֿלעשל מיט „הייליק וואַסער" און אים אָפּשפּריצן, כדי עס זאָל אים זיין צו רפֿואה.

אַלץ, דוכט זיך, איז געווען גוט. וואוינט זיך אַ קליינע אידישע משפּחה שטיל און רואיק אויפֿן דאָרף — און וועמען קומט אַרויס דערפֿון אַ רעה? איז געקומען דער שטן און מקטרג געווען און אין איין מינוט איז פֿון אַלץ געוואָרן אַ תל.

ב.

דער שטן האָט זיך אונטערגערוקט אויפֿן זעקסטן יאָר, ווי מיר האָבן געוואוינט אויפֿן דאָרף. אין פּראָווינץ־שטאָט האָט זיך געביטן די וואָך;

אין פּריץ איז אַרונטער פֿון דער גדולה און אַ צווייטער איז עולה־לגדולה געוואָרן — און אויף דער גאַנצער פּראָווינץ האָט זיך צעלייגט אַ מידת־הדין. די גזירות האָבן זיך געשטאַרקט און די גירושים האָבן זיך געמערט. די שלעכטע קלאַנגען, וואָס זיינען טאָג־טעגלעך געקומען פֿון די אַרומיקע דערפֿער, האָבן אַריינגעוואָרפֿן אין די איינזאַמע אידישע הייזער, פֿאַרזונקענע אין די דערפֿער, דאגות און מורא. דאָס לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר, און די קנאה און דאָס ניט־פֿאַרגינען זיינען געוואָרן שטאַרקער. יעדער איינער האָט געציטערט פֿאַר זיין שטיקל ברויט און חושד געווען דעם צווייטן. דער טאַטע פֿלעגט פּלוצלונג אַראָפּקומען אַהיים פֿון וואַלד, ניט אין דער געוויינלעכער צייט, מיט אַ פֿאַרזאָרגט פּנים, פֿלעגט לאַנג און שטיל זיך סודען מיט דער מאַמען און מחותן און אין איילעניש אָפּפֿאָרן אין פּראָווינץ־שטאָט, אָדער, קרייז־שטאָט, אָפּצושרייען דעם גזר־דין. דער געדאַנק אַליין פֿון מוזן פֿאַרלאָזן דעם דאָרף איז שוין געווען גענוג צו פֿאַרפֿרירן די בלוטן. מיר האָבן זיך שוין געהאַט איינגעוואָרצלט אין דאָרף און אַ שטיקל צייט פֿריער, איידער די חומרות האָבן זיך געשטאַרקט, האָט דער טאַטע זיך געשטעלט בויען אַ פּלאַץ אויף צו טרייבן סמאָלע און אַריינגעטאָן אַהין זיין גאַנץ ביסל געלט. אָבער דעם טאַטנס באַמיאונגען אין די „געהעריקע פּלעצער" האָבן, זעט אויס, ניט גאָר מצליח געווען, ער פֿלעגט צוריקקומען פֿון זיינע נסיעות נאָך טרויעריקער און צעבראָכענער, ווי פֿריער. די באַאַמטע פֿון די „געהעריקע פּלעצער" זיינען פּלוצים געוואָרן גרויסע מחמירים. דאָס „לאַפּקע געלט" איז מאוימדיק געשטיגן און קיין אמתע זיכערקייט איז פֿון דעם אַלץ ניט געקומען. דער אוריאַדניק האָט אָנגעהויבן אונדז צו באַזוכן אָפֿטער, ווי איינער וואָס שטייט מיט התמדה אויף דער וואַך, נאָר איצט פֿלעגט ער אויסמאַרקירן צו קומען אין די נעכט, בגנבה, און זיין רעכטע אויג, וואָס האָט איצט אויסגעזען קרומער ווי געווען, איז מיט אַמאָל געוואָרן קאַלט און פֿרעמד, כמעט צאָרנדיק. דאָס ווייסל פֿון אויג האָט זיך אויסגעברייטערט, ווי ס'וואָלט אונדז אין גאַנצן ניט דערקענט. די דאָרפֿישע פּויערים האָבן אויך פּלוצלונג זיך געענדערט: אַ מין חוצפּה איז אין זיי אַריין, אַ חוצפּה וואָס איז פֿריער ניט געווען אין זיי. ערגער פֿון אַלץ איז געווען, וואָס ס'איז ניט אַוועק אַ נאַכט אָן וואַלדיקע גנבות. עס זיינען געווען אַזעלכע פּויערים, וואָס האָבן זיך אַפֿילו ניט געהיט צו באַהאַלטן די גנבה, ווייסנדיק, אַז פֿאַרן טאַטן איז גלייכער צו פֿאַרשווייגן און זיך מאַכן ניט זעענדיק. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז איינער אַ פּויער, סאַשקע דער „וואָלף", אַ באַקאַנטער „לקחן", ער און זיינע צוויי זינדלעך

זיינען איינמאָל אַ נאַכט געכאַפּט געוואָרן פֿאַר דער האַנט פֿון אונדזער וואַלד־שומר סטיאָפּאַן מיט אַ פֿולן וואָגן האָלץ. די גנבים האָבן סטיאָפּאַן געשלאָגן מכּות־רצח און דאָס האָלץ אַוועקגעפֿירט צו זיך אַהיים. דאָס האָט שוין דער טאַטע, פֿאַרשטייט זיך, ניט געקענט פֿאַרשווייגן און האָט אָנגעקלאָגט די גנבים אין געריכט. זינט יענער מעשה האָט זיך דער טאַטע געמאַכט אַ סך שונאים פֿון די גנבים גופֿא און אויך פֿון זייערע קרובים. איינער, דעם גנבס אַ קרוב, דער דאָרפֿישער שרייבער, אַ שיכּור אַ גוי, האָט אָנגעהויבן שרייבן רעגלמעסיק, וואָך נאָך וואָך, דאָנאָסן אויפֿן טאַטן, מיטן אָנגענומענעם נוסח: „זאָל דאָ באַוואוסט זיין, אַז דער איד יאָסי וואוינט מיט זיין הויזגעזינד ביי אונדז אין דאָרף, וואָס איז אַנקעגן בפֿירושן געזעץ און פֿאַרדאַרבט מיט זיינע מעשׂים די מאָראַל פֿון דער הראָמאַדע, און טוט אָן שאָדן דער מדינה". דער גנב פֿלעגט דעם דאָנאָס אַריינלייגן אין בוזעם און אים אָפּטראָגן אין „געהעריקן פּלאַץ". די „געהעריקע פּלעצער" פֿלעגן איטלעך מאָל שיקן רופֿן דעם טאַטן און בעת ער פֿלעגט צוריקקומען פֿון אַזאַ מין וויזיט — האָט ער געהאַט אַ פּנים פֿון אַ מת. איינמאָל איז ער צוריקגעקומען פֿון וואַנען דאָרט ער איז געקומען און פֿון פּאָר פֿערד מיט וועלכע ער איז אַוועקגעפֿאָרן האָט זיך אומגעקערט בלויז איינער. דער אַנדער פֿערד, דער בעסערער, איז געבליבן ביי דעם אדון פֿון אַ „געהעריקן פּלאַץ", אַלס „אויסקויף־געלט", און דאָס פֿערד, דער פּליט, וואָס דער טאַטע האָט דערווייל פֿאַר אים קיין בן־זוג ניט געפֿונען, האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ פֿאַרשעמטער; די אַגלאָבליע וואָס גייט צווישן אַ פּאָר פֿערד האָט געשטעקט ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אויף אַ זייט. דעם טאַטנס פּנים האָט געברענט פֿאַר חרפּה, ווי מ׳וואָלט אים אָפּגעגאָלט אַ האַלבע באָרד און אָפּגעשניטן אַ האַלבע קאַפּאָטע, און דער טרייבער, סטיאָפּאַ, האָט כּמעט געווינט פֿאַר עגמת־נפֿש. ווען ער האָט אויסגעשפּאַנט דעם איינציקן פֿערד פֿון וואָגן און אים געפֿירט אין שטאַל אַריין האָט ער אים געשאָלטן מיט טויטע קללות, געקריצט מיט די ציין און אויסגעלאָזט צו אים כּל־חמתו. דער חסרון האָט זיך אַפֿילו שפּעטער אויסגעגלייכט: דער טאַטע האָט אויסגעביטן דעם איינציקן פֿערד, דעם גוטן, אויף צוויי שלעכטע, פֿון וואָס סטיאָפּאַ האָט געהאַט גענוג צער און חרפּה. אָבער די רואיקייט און זיכערקייט האָבן שוין ניט זיך אומגעקערט. ניט ווייסנדיק וואָס מאָרגן וועט זיין, האָט דער טאַטע אין גאַנצן אָפּגעשטעלט דאָס געבוי פֿון דער סמאָלע־ברענעריי. דער טאַטע פֿלעגט זאָגן, אַז די אָנגעהויבענע ווענט, פֿאַרלאָזטע אין וועלדל צווישן ביימער, וואו חזירים און בהמות קומען איבערנעכטיקן, קומען צו אים נאַכט אין נאַכט צו חלום און האַלטן פֿאַר אים אין איין וויינען.

דער מידת־הדין, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף די אידן פֿון די אַרומיקע דערפֿער איז דערווייל געוואָרן האַרבער און האַרבער. אַפֿריער פֿלעגט מען געבן התראה און שפּעטער אַרויסטרייבן, און דערנאָך האָט מען געטריבן אָן קיין שום התראה. קיין געלט האָט מער שוין ניט געהאָלפֿן. הייזער וואָס האָבן זיך אויפֿגעבויט דורך מי פֿון לאַנגע יאָרן זיינען דורך אַ פּלוצימדיקן באַפֿעל מיטאַמאָל, אין איין שעה, חרוב געוואָרן. אויף די זאַמדיקע וועגן וואָס ציען זיך פֿון די דערפֿער צו די שטעטלעך זיינען יעדן טאָג געקראָכן פֿויערשע וועגענער מיט דער באַלעבאַטישקייט פֿון אַרויסגעשיקטע אידן. אויף מאָרגן, פֿלעגן די אייגענע פֿויערים זיך אומקערן אין זייערע דערפֿער און חוזקן און שיטן זאַלץ אויף די וואונדן פֿון די איבעריקע אידן, ווײַמען דער מידת־הדין האָט נאָך דערווייל ניט געטראָפֿן. אַ פֿינצטערע אימה האָט זיך צעלייגט אויפֿן טאַטנס הויז און די הערצער האָבן נביאות געזאָגט אויף שלעכטס.

און איינמאָל, אין אַ טאָג פֿון אַ גוישער חגא, ווען דער טאַטע איז געווען אין שטוב, איז סטיאָפּאַ אַריינגעפֿאַלן אָן אויפֿגערעגטער, אַ דערשראָקענער, מיט דער בשורה, אַז די פֿויערים פֿון דאָרף זיצן איצט אין שענק אַרום טיש, די מערסטע פֿון זיי, שיכּור־לוט, און גרייטן צו עפּעס אַ „פּאַפּיר", דעם טאַטן לרעה. די גלאַוונע העצער זיינען סאַשקאַ דער „וואָלף", דער גנבישער פֿויער, און זיין קרוב דער שרייבער. די רייד פֿון די מליצי־יושר ווערן פֿאַרטרונקען אין די פֿלעשער בראַנפֿן, מיט וועלכע די העצער זיינען מכבד די הראָמאַדע. דער אינהאַלט פֿון פּאַפּיר, לויט ווי מען הערט, איז, וואָס די הראָמאַדע בעט זיך ביים „געהעריקן פּלאַץ" צו דערוויטערן דעם זשיד פֿון דאָרף. ערשטנס, ווייל ער האָט ניט קיין וואוין־רעכט און, צווייטנס, ווייל ער איז אַ „שעדיקער". ס'האָט זיך געלאָזט גלויבן, אַז אויך עפּעס אַ איד האָט אין דעם געהאַט אַ האַנט. נאָענט ביי יענער צייט האָט איינער אַ איד געקויפֿט אַ שטיקל וואַלד, וואָס האָט זיך געגרעניצט מיטן טאַטנס וואַלד און צווישן די צוויי וועלדערייען איז אַריינגעפֿאַלן אַ שטיקל קאָנקורענץ, וואָס ס'האָט גאַנץ אָפֿט געפֿירט צו סכסוכים, ווי דער שטייגער איז.

דער טאַטע האָט ניט פֿאַרזאַמט קיין רגע און געלאָפֿן אין שענק אַריין. אים אין פּנים — וועלן זיי ניט האָבן קיין העזה. און אַזוי איז טאַקע געשען. דעם טאַטנס פּלוצימדיקע אַריינקומען אין שענק האָט צעטומלט די העצער. אַ צוויי־דריי האָבן זיך אַרויסגערוקט פֿון שענק און ניט געוואָרן און די איבעריקע האָבן זיך געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן אַריין. איינער פֿון זיי האָט זיך דערשראָקן און אויסגעשטרעקט אַ האַנט צום „פּאַ־

פּיר״, געוואָלט עס באַהאַלטן, נאָר אַן עלטערער גאָטספֿאַרכטיקער פּויער, דעם טאַטנס אַ פֿריינט, האָט זיך מקדים געווען, אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּאַפּיר, זיך איבערגעצלמט, און צעריסן דאָס פּאַפּיר אויף שטיקלעך. געריסן — און אַ זאָג געטאָן צום טאַטן: „דאַנק דיין גאָט, יאָסי, דו ביסט ניצול געוואָרן פֿון אַ צרה און מיר — פֿון אַן עבירה. הייס שטעלן בראַנפֿן פֿאַרן פֿאָלק״. דער טאַטע האָט געהייסן און אין איין הרף־עין האָט זיך דאָס פֿאָלק געביטן. ס׳האָט זיך דערוועקט דער מידת־היושר און די פֿאַרטיידיקער האָבן געזיגט. אייניקע פֿון די בעלי־תשובה האָבן נאָך צוויי־דריי כּוסות זיך אַזוי געביטן, אַז זיי האָבן בקול־רם און מיט אַ שבועה אויף זיך עדות געזאָגט, אַז זיי זיינען היינטישע זין, כּלבים בני־כּלבים, פֿון צען דורות. איינער האָט געבעטן דער טאַטע זאָל אים מוחל זיין, געוויינט ווי אַ ביבער, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און געשריען: „טרעט, יאָסי, טרעט!״ און נאָך איינער האָט זיך געשלאָגן אויפֿן האַרצן און געשריען, אַז ער וועט זיך אָננעמען יאָסיס קריוודע ביזן לעצטן טראָפּן בלוט און דעם „וואָלף״ וועט ער דערהרגענען, דערהרגענען אויף טויט... אַז דער טאַטע איז געגאַנגען צוריק אַהיים האָט ער דערהערט געשרייען פֿון שענק־שטוב. פֿון תּשובה, זעט אויס, זיינען די העצער און דער צד־שכּנגד געקומען צו קלעפּ און די הענט פֿון די פּויערים זיינען פֿאַרפֿאָרן איינער אין דעם צווייטנס טשופּרינעס, ווי דער שטייגער איז.

דעם פּאַפּיר האָט מען דאָס מאָל צעריסן, אָבער די סכּנה איז ניט אין גאַנצן פֿאַרביי. דאָס פֿאָלק פֿון דאָרף האָט זיך צעטיילט אין צוויי מחנות, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין אַרומהרגענען. צו די צאַנקערייען און קריגערייען האָט קיין סוף ניט געקומען און דאָנאָסן זיינען געפֿלויגן פֿוןביידע צדדים אין די „געהעריקע פּלעצער״. דער סטאַנאָוואָי פּלעגט פֿאַררופֿן צו זיך אַמאָל איין צד, אַמאָל דעם צווייטן, געטופּעט מיט די פֿיס אויף ביידע צדדים, געברומט ווי אַ לייב און געסטראַשעט: „קיין סיביר! אין אייזערנע קייטן!״.

און אין איינער אַ חנוכּה־נאַכט האָט דער סטאַנאָוואָי געשיקט נאָכן טאַטן. האָט דער טאַטע אַריינגעוואָרפֿן אין שליטן אַ פּאָר פֿעטע גענז, אַ חנוכּה־מתּנה דעם סטאַנאָוואָיס ווייב, און געקומען האַסטיק צו לויפֿן. די באַלעבאָסטע האָט צוגענומען די מתּנה מיט אַ ליבן שמייכל און דער סטאַנאָוואָי האָט אַריינגעפֿירט דעם טאַטן חדר בחדר און אים געזאָגט:

„בעט ביי גאָט, יאָסי, איך קען דיך מער ניט אויסבאַהאַלטן. שונאים האַלטן דיך אין איין גראָבן. אין דער גובערניע איז שטרענג, וואָס שטרענ־

גער קאָן ניט זיין. אַ איד אויפֿן דאָרף — זאָל גאָט אויסהיטן. זיי זיינען מקפּיד אויף אַ האָר".

„היתּכן? — האָט דער טאַטע געטענהט — צוליב איין טאָג?"

„צוליב איין טאָג"...

„איז וואָס זאָל איך טאָן — פֿרעגט דער טאַטע — אפֿשר איז דאָ פֿאַראַן אַ תּחבולה?"

דער סטאַנאָוואָי האָט פֿאַנאַנדערגעפֿירט די הענט און פֿאַרשנירט די ליפּן, ווי איינער זאָגט: „טו וואָס דו קענסט, איך — קען מער ניט".

דער טאַטע איז שוין צוריק אַהיים פֿון דאָרטן ניט געפֿאָרן, געלאָפֿן מיטן שליטן אין דער גובערנסקי שטאָט, פֿון גובערנסקי שטאָט אין אויעזד־שטאָט. אַזוי איז ער געלאָפֿן און געלאָפֿן ביז ער איז צוריקגעקומען נאָך אַ שטיקל צייט אַהיים אַ צעבראָכענער, אַ פֿאַרמוטשעטער, און כּמעט מיט גאָר־נישט. ער האָט יאָ אָפּגעזוכט זיך עצה־געבער, אָבער די עצות האָבן צע־שלאָגן און צונישט געמאַכט איינע די אַנדערע. ס'האָבן זיך אויך געפֿונען שתּדלנים, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו העלפֿן, אָבער די הבטחות זייערע זיינען גאָרנישט ניט ווערט געווען. איינער פֿון זיי, וואָס האָט לויט זיינע רייד, געהאַט אַ צד אין טיש אין די „געהעריקע פּלעצער" האָט זיך אונטערגע־נומען — פֿאַר אַ גוטער באַלוינונג, פֿאַרשטייט זיך — צו פֿאַרקניפּן באַ־ציאונגען מיט די דאָזיקע צדדים, כּשרן דעם טאַטן, ס'הייסט, מקדים צו זיין דעם טאַטנס וואוינען אין דאָרף מיט איין טאָג פֿריער פֿאַרן פֿאַרבאָט. אָבער ווי אַ סך מענטשן האָבן גערעדט, האָבן זיינע ווערטער קיין ממשות ניט. ער איז אַ באַקאַנטער זשוליק. פֿונדעסטוועגן, האָט דער טאַטע אים געגעבן האַנט־געלט. ווער ווייס, אפֿשר...

מיטן כּוח פֿונם דאָזיקן אפֿשר האָט דער שתּדלן געמאַלקן דעם טאַטן אומגעפֿער דריי חדשים צייט און ביים „אפֿשר" איז דאָס געבליבן. יעדע וואָך זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן נייע צדדים, וועלכע מען באַדאַרף „שמירן" און דעם טאַטנס האַנט איז פֿאַרמאַטערט געוואָרן שמירנדיק. אין איינעם אַ טאָג האָט אים דער שתּדלן געלאָזט וויסן, אַז מבטל זיין די גזירה איז אומ־מעגלעך, ס'איז שוין געשריבן און געחתמנט און זי ליגט דאָרטן און דאָרטן. אלא וואָס דען? מ'קען די גזירה פֿאַרהאַלטן און דאָס דאַרף קאָסטן כּך וכּך. האָט דער טאַטע געגעבן כּך וכּך און פֿאַרהאַלטן. אָבער ס'איז ניט אַוועק קיין סך צייט און ס'איז ווידער געקומען אַ מעלדונג, אַז דאָס פּאַפּיר, נאָך אַלע פֿאַרהאַלטענישן, האָט זיך דאָך אַ ריר געטאָן פֿון אָרט און מ'דאַרף עס ווידער פֿאַרהאַלטן. און אַזוי איז דאָס געווען כּסדר: דער שתּדלן איז

געשטאַנען אויף דער וואַך און פֿאַרהאַלטן מיט ביידע הענט און דאָס פּאַפּיר האָט זיך געהאַלטן אין איין רירן. ס'איז געקראָכן שטילערהייט, מיט קליינטשינקע טריטעלעך, ווי אַ גנב אין באַהעלטעניש, אומבאַמערקט פֿאַרן אויג, אָבער פֿאָרט געקראָכן און זיין יעדער ריר האָט אָפּגעקאָסט דעם טאַטן בלוטיק געלט, און וואָס נאָך ערגער, מיט גרויס דערנידריקונג און גייסטיקע יסורים וואָס האָבן נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן: זיך געשלעפּט אומזיסט און אומנישט איבער אַלע קאַנצעלאַריעס, געהאַלטן אים אין איין אָפּלייגן: „קום היינט, קום מאָרגן", געגעבן „לאַ־יחרץ־געלט", געבעטן אום רחמנות, זיך דערנידעריקט פֿאַר אַלטע האַרצלאָזע שיכּורים־באַאַמטע און יונגע אויסגעלאַסענע מופֿקרים, באַהאַלטענע באַגעגענישן אין שמוציקע טראַקטירן, וכדומה. פֿון אַזעלכע נסיעות פֿלעגט דער טאַטע אַהיים קומען אַ טויט־קראַנקער און אָפּליגן נאָכדעם אַ צוויי־דריי טעג אין שטוב. אַרונטער פֿון בעט — פֿלעגט ער זיך פֿאַרמאַכן אַליין אין חדר און אַרומגיין שעהן לאַנג הין־און־צוריק. איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט, האָב איך אים געטראָפֿן, ווי ער שטייט אין ווינקל פֿאַרן קליינעם ארון־קודש און וויינט שטילערהייט...

אַ סך גרויע האָר אויפֿן קאָפּ און נייע קנייטשן אויפֿן שטערן האָבן יענע טעג אים געגעבן.

דער טאַטע האָט איינגעזען, אַז מיט אַ נאַטירלעכן וועג וועט די ישועה נים קומען — האָט ער אָנגעהויבן האָפֿן אויף אַ ישועה פֿון הימל. פֿון שתּדלנות האָט ער זיך נים אָפּגעזאָגט, ווי ס'שטייט אין פּסוק: „איך וועל דיך בענטשן אין אַלץ וואָס דו וועסט טאָן" — אָבער אין אַ ישועה גמורה האָט ער שוין מער נים געגלויבט. ער האָט געבעטן אין האַרצן, אַז די צרה זאָל זיך, על־כּל־פּנים, אַביסל פֿאַרהאַלטן און דערווייל, ווער קען וויסן, אפֿשר... אפֿשר וועט דערווייל טרעפֿן אַ נס, ווי, למשל, אַ מאַניפֿעסט, אָדער אַ מלחמה, צי אַן אַנדער מכּת־מדינה, אַז מען זאָל זיך פֿאַרגעסן אָן יאָסין פֿון קאָזאָדאָיעווקע...

דערווייל איז אָנגעקומען דער חודש ניסן, און פֿון ברודער שמואל, טראָמפּייט־שפּילער פֿון מיליטערישן אָרקעסטער, איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַ בריוו מיט אַ טאָפּלטער גוטער בשורה: ערשטנס, אַז שמואל האָט זיך צוליב זיינע מוזיקאַלישע אויסצייכענונגען דערדינט צו אַ „בענדל", און צווייטנס, אַז ער האָט באַקומען אורלויב פֿון דער קאָמאַנדע אויף צוויי וואָכן צייט און ערב פּסח קומט ער אַהיים, ער מיט זיין טראָמפּייט. דער טאַטע האָט געלייענט דעם בריוו פֿאַר אַלע בני־בית און אין שטוב איז געוואָרן

אַ שמחה. די קינדער טאַנצן: „שמואל קומט, מיטן טראָמפּייט קומט ער!" דער מאַמעס פּנים האָט פֿאַר אַ רגע אויפֿגעלויכטן און אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

„ע, אידענע, וואָס ווייְנסטו?" — זאָגט דער טאַטע און ווישט זיך אַליין אָפּ מיטן פֿינגער אַ באַהאַלטענע טרער — „ס'איז אַ גוטער סימן, איצט וועסטו זען, אַז גאָט וועט העלפֿן"...

„הלוואי, רבונו של עולם, דער זכות פֿון די קינדער זאָל אונדז ביי־שטיין" — ענטפֿערט די מאַמע און האַלט איין איר געוויין מיט אַלע כּוחות, כּדי ניט מצער צו זיין דעם טאַטן.

אָבער טאַטע־מאַמעס תּפֿילה איז ניט אָנגענומען געוואָרן. דער גזר איז געקומען פֿריער ווי מען האָט געמיינט, אין אַ שעה, ווען מיר האָבן זיך כּלל אויף אים ניט גערעכט: פּונקט אום ערב פּסח.

### ג.

דער אורח האָט זיך אַביסל אָפּגערוט און ווייטער דערציילט:

יענער טאָג — אַן ערב פּסח, וואָס איז אויסגעפֿאַלן ערב שבת — האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכּרון מיט אַלע איינצלהייטן. פֿון באַגינען אָן האָט די זון געלויכטן יום־טובדיק און ביידע שטיבער פֿון די מחותּנים — די וואָס אין טאָל און יענע וואָס אויפֿן בערגל — האָבן געבלאַנקט, גע־שמייכלט איינע צו דער צווייטער מיט זייער נייער ווייסקייט און זיך גע־חנדלט מיט זייערע בלויע גאַרטלען, מיטן פּאַס פֿאַרב, וואָס האָט אַרומגע־כאַפּט זייערע לענדן, עפּעס נידעריקער פֿון די פֿענסטער, לכּבוד יום־טוב. פֿון הינטערן הויז האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פֿון די אַרבעטאָרינס, וואָס זיינען פֿאַרפֿרי געקומען אין גאָרטן און יעדע שעה איז צוגעקומען אַ נייע בייט, אַ שוואַרצע פֿייכטע בייט. אויף זעליגס בערגל זיינען איבער־נאַכט, נאָכן רעגן, אויפֿגעקומען דינע גרינע הערעלעך פֿון זיידענע גראָזן. דער פּאַס פֿון סטעזשקע, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון אויבן אַרונטער, האָט געגאָלדיקט אין נייקייט פֿון זיידנס. דער גאַנצער פּאַס, פֿון אָנהויב ביזן סוף, איז געווען באַשאָטן מיט פֿייכטן גאָלדיקן זאַמד. קיינער האָט ניט געזען, ווער ס'האָט דעם זאַמד אויסגעשפּרייט, אַז די כּלה האָט אַ האַנט אין דעם; זי האָט דאָס געטאָן באַגינען, באַהאַלטענערהייט, לכּבוד דעם חתן וואָס באַ־דאַרף היינט קומען. כ'האָב געזשאַלעוועט צו שטעלן אַ טריט אויף דעם אויסגלייגטן פּאַס, איידער דעם חתנס פֿיס וועלן אויף אים טרעטן. און אין ביידע הויפֿן האָט מען זיך שטאַרק געגרייט: געכּשרט כּלים, געריבן,